בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

## סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**פָּרָשַׁת חֻקַּת**

**תשפ"ד**

353

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

**נדפס ע"י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


מֶעג מֶען לֶערְנֶען "סֵפֶר הַכּוּזָרִי"?..........א
פַארְוָואס הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶעדַארְפְט קְרִיגְן אִין אוּמַאן?..........ב
אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער בַּיים אוֹיפְשְׁטֵיין בַּיינַאכְט פַאר דִי בֶּעבִּי?..........ד


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


זֶע עֶס זָאל זַיין נָאר אַחְדוּת..........א
בִּזְכוּת דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים דַיינֶע זָאלְסְטוּ זֶען לִיכְטִיגֶע הֵיילִיגֶע דוֹרוֹת..........א
זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אַייעֶר מַאן אִיז מְחַזֵק אִידִישֶׁע קִינְדֶער..........ב
לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, וֶועט דִיר גוּט זַיין..........ב
לֶערְן אוּן דַאוֶונֶען, וֶועסְטוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק..........ב
אוֹת לְהַכָּרַת הַטוֹב פַארְן מְתַרְגֵם זַיין דִי שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ..........ג
לֶערְן מִשְׁנַיוֹת, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ חַיִים טוֹבִים..........ג
דִי תְּהִלִים וֶועט אַרוֹיפְגֵיין אַזוֹי הוֹיךְ, נָאךְ הֶעכֶער פוּן דִי מַלְאָכִים..........ג
פָאלְג דַיין מְלַמֵד אוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן..........ד
לֶערְן מִשְׁנַיוֹת וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד..........ד
וָואלְסְט אַלֶעס אָפְּגֶעלָאזְט אוּן נָאר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין "שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ"..........ד
דִי וֶועכֶנְטְלִיכֶע "שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ" בְּרֶענְגְט חִיזוּק פַאר טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן..........ה
ווִילְסְט הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קְלוּגֶע קִינְדֶער? זָאלְסְטוּ זֵיי מְחַנֵךְ זַיין..........ה
מִשְׁנַיוֹת וֶועט דִיר מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק..........ו
אַ גְרוּס פוּן דִי חָשׁוּבְ'עֶ אֵיינִיקְלֶעךְ..........ו
אַייעֶרֶע קִינְדֶער פִירְן זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ..........ז
יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִים, אֲפִילוּ נָאר אֵיין קַאפִּיטְל..........ז

וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ שֶׁעצְן זִיךְ, הָאט מֶען קִינְדֶער צַדִּיקִים.......................ז
קְרִיַּת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, אַ טֵייעֶרֶע ווִינְקְל, אַ גַּן עֵדֶן בְּזֶה הָעוֹלָם.........ח
אַ דְּרִימְל אִינְמִיטְן טָאג אִיז גוּט פַאר אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע..............................ט
דִּי פְּרַייזְן פַאר דִּי קִיאַסְק זָאלְן נִישְׁט זַיין צוּ טֵייעֶר ...............................ט
וֵוויי טוּן אַ צְוֵוייטְן, קֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה.....................................י
אַז דוּ הָאסְט אַזוֹיפִיל מְנִיעוֹת, וֶועסְטוּ זִיכֶער קוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן..............יא
ווִיפִיל שָׁעוֹת הָאסְטוּ פַארְבְּרֶענְט דָאס יָאר מִיטְן טֶעלֶעפָאן?.........................יא
פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער צוּ דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' ....................יב
עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי עוֹבְד'יש, מֶען זוּכְט עֶפֶּעס הֶעכֶערְס.............................יג
דִי לִיפְּן אִיז דִי טִיר צוּ דִי קְדוּשָׁה.................................................יד
דֶער צַדִּיק שְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט פוּנֶעם בִּיקְס .......................................טו
אַלֶע וֶועלְן הֶעלְפְן, קֵיינֶער שְׁטֵייט נִישְׁט פוּן דֶער זַייט...............................יז
אַ פְרִישֶׁע הֶערְלִיכֶע זוּמֶער זְמַן......................................................יח
אַז מֶען הֶערְט בִּילְן, הָאט עֶס גֶעטְרָאפְן אִין צִיל .....................................יט
אִיךְ וֶועל שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן........................................כ
זִיךְ גוּט אַרַיינְקוּקְן נָאר אִין דִי גוּטֶע זַאכְן...........................................כא
עֵצוֹת פַאר אַ מַחֲלָה אִין דִי הוֹיט.....................................................כב
וֶוען מֶען הָאט אִינְזִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט אַ בְּרָכָה אִין דִי צַייט ..................כג
זִיךְ גוּט אוֹיסְלַאכְן, אוּן נִישְׁט נֶעמֶען קַיין פְרֶעמְדֶע זָארְג...............................כה
עֶס אִיז נִישְׁט גוּט זִיךְ צוּצוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֵייכֶערְן .....................................כה
מַאךְ מִיר אַ חֶסֶד חִינָם, גֶעבּ מִיר אַ שִׁידוּךְ .........................................כו
אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים קוּמְט פוּן עֲבֵירוֹת..............................................כז
בִּזְכוּת אוֹיסְהַאלְטְן לוֹמְדֵי תוֹרָה, זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס .................כז
אוֹיפְגֶעגֶעבְן דִי סְמַארְטְפָאוֹן בִּזְכוּת דִי פְרוֹיעֶן שִׁיעוּרִים...............................כח
אַרָאפְּנֶעמֶען דִי עוֹל פוּן שַׁאפְן גֶעלְט...................................................כח
קוּם אִין שׁוּל וֶועסְטוּ זֶען יְשׁוּעוֹת.......................................................כט
בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט לִיבּ הָאבְן דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת .........................ל
אַרוֹיף אַ טְרֶעפּ אִין צְנִיעוּת, שֵׁפַע מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת .................................ל

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מֶעג מֶען לֶערְנֶען ״סֵפֶר הַכּוּזָרִי״?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דֶער "סֵפֶר הַכּוּזָרִי" הֵייסְט אַ חֲקִירָה סֵפֶר, מֶעג מֶען עֶס לֶערְנֶען אָדֶער נִישְׁט?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אִין שו״ת בְּרֶסְלֶב אַז סֵפֶר הַכּוּזָרִי אִיז נִישְׁט קֵיין סֵפֶר חֲקִירָה, מֶען קֶען לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר.**

**דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, זָאג יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים אוּן רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקְט דֶער סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען קֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק; דוּרְךְ זִיךְ פִירְן וִוי אַ פְּרָאסְטַאק. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגוֹת. אוֹיךְ זָאגְט רֶבִּי נָתָן** (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקכ)**: ״הָיָה אוֹהֵב מְאוֹד אֶת הָעֲבוֹדוֹת הַפְּשׁוּטוֹת שֶׁל הָאֲנָשִׁים הַפְּשׁוּטִים יִרְאֵי הַשֵּׁם וְכוּ׳״, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי פָּשׁוּט׳ע אִידְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן,**

"וְהָיָה אוֹהֵב מְאֹד מִי שֶׁיָּכוֹל לוֹמַר הַרְבֵּה תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת בְּתוֹךְ הַסִּדּוּרִים הַגְּדוֹלִים וְכוּ׳", און דֶער רֶבִּי הָאט לִיבּ גֶעהַאט דִי וָואס זָאגְן אַסַאךְ תְּפִלּוֹת אִין דִי גְרוֹיסֶע גְרָאבֶּע סִדּוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פַארְוָואס הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶעדַארְפְט קְרִיגְן אִין אוּמַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע הִתְחַזְקוּת און עֵצוֹת וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן פַארְן ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַ זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק; אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אִינְאֵיינֶעם מַיין וַוייבּ, אַ נַאכְט אֵיידֶער מִיר זֶענֶען צוּרִיק אַהֵיימְגֶעפָארְן הָאט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע עֶפֶּעס אַרַיינְגֶעכַאפְּט בַּיי אוּנְז, און מִיר הָאבְּן זִיךְ צֶעבְּלָאזְן, זִיךְ גֶעקְרִיגְט, און צוּמָארְגְנְס אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן מִיר גֶעדַארְפְט זִיךְ יָאגְן צוּ גֵיין, מִיר זֶענֶען קוֹים אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן צוּם צִיּוּן, קוֹים גֶעקֶענְט זָאגְן אַבִּיסְל תִּיקּוּן הַכְּלָלִי און גְלַייךְ גֶעלָאפְן, און מִיר הָאבְּן זִיךְ נָאכְאַלְץ נִשְׁט גֶעהַאט אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן.

דִי גַאנְצֶע וֶועג אַהֵיים הָאבּ אִיךְ נִשְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט זִיךְ צוּ עֶגְבֶּערְן אוֹיף דֶעם, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַלֵיין נִשְׁט גֶעקֶענְט גְלֵייבְּן וִוי אַזוֹי מִיר הָאבְּן גֶעקֶענְט אִיבֶּערְלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן אָן קַיין שְׁלוֹם בַּיִת, עֶס הָאט אוּנְזֶער זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן אַז מִיר זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּנֶעם רֶבִּי'ן אָן שְׁלוֹם בַּיִת, דִי זַאךְ וָואס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי חָשׁוּב בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

בִּיז יֶעצְט עֶסְן מִיר זִיךְ אוֹיף דָאס גֶעזוּנְט אִיבֶּער דֶעם, מִיר הָאבְּן אַסַאךְ צַער פוּן דֶעם, און מִיר קֶענֶען קוֹים וַוארְטְן צוּרִיק צוּ גֵיין קַיין אוּמַאן און אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן. אִיךְ קֶען זִיךְ אַלֵיין נִשְׁט קוּקְן אִין פָּנִים.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעקוֹיפְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ טִיקֶעט צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף ראֹשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען נִשְׁט צוּרִיק פָארְן אֵיידֶער אִיךְ פָאר נָאכְאַמָאל צוּם רֶבִּי'ן מִיט מַיין וַוייבּ, און אֶפְשָׁר אוֹיךְ מִיט דִי קִינְדֶער, אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

וָואס הַאלְט דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז מִיר דַארְפְן צוּ טוּן? ווִי אַזוֹי קֶענֶען מִיר דָאס פַארְרֶעכְטְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ד סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶערְמַאנְסְט מִיר דִי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיים רֶבִּי׳ן מִיט אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים וָואס הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט זַיין ווַייבּ. אַמָאל אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזִיצְן בַּיים טִישׁ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, אִינְמִיטְן הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "ווִי וַואגְט זִיךְ צוּ קוּמֶען צוּ מַיין טִישׁ אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר אִיז אַרַיין אִין זַיין צִימֶער אוּן מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט בְּלַייבְּן זִיצְן בַּיים טִישׁ. וֶוען דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעזֶען ווִי דֶער רֶבִּי גֵייט אַרַיין אִין צִימֶער, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּינְ׳ס צִימֶער אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען, אוּן זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי׳ן, בִּיז דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אוּן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה. וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה מִיט דֶעם אִינְגֶערְמַאן? מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן, אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ אַבִּיסְל צֶעאַמְפֶּערְט מִיט זַיין ווַייבּ בֶּעפָאר עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיצְן מִיט אִים בַּיי אֵיין טִישׁ, אַזוֹי שְׁטַארְק הָאט דֶער רֶבִּי מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת; וַוייל אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ - הָאט מֶען נִישְׁט קַיין מֹחַ; מֶען וֶוערְט אוֹיס מֶענְטְשׁ, אוּן נָאכְדֶעם פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין אַ טִיפֶע גְרוּבּ.

בִּיסְט גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי׳ן אוּן דָארְט בַּיים רֶבִּי׳ן זִיךְ גֶעקְרִיגְט מַאן אוּן וַוייבּ, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז דוּ בִּיסְט אַוֶועק גֶעפָארְן אָן עֶנְדִיגְן דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי; וַוייל דֶער רֶבִּי ווִיל נִישְׁט מֶען זָאל זִיךְ קְרִיגְן, אַז מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי׳ן דַארְף מֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער אוּן מֶער זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, דָאס וֶועט זַיין דַיין תְּשׁוּבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער בַּיים אוֹיפְשְׁטֵיין בַּיינַאכְט פַאר דִי בֶּעבִּי?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּן וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף בַּיינַאכְט צוּ גֶעבְּן עֶסְן פַאר מַיין בֶּעבִּי, דַארְף אִיךְ זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער יֶעדֶעס מָאל פַאר אִיךְ גֶעבּ צוּ עֶסְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

נֶעגְל וַואסֶער נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן אַלֶע דִינִים, עֶס מַאכְט הֵיילִיג, עֶס פַארְטְרַייבְּט אַלֶע קְלִיפּוֹת.

אַז מֶען גֵייט אַרָאפּ פוּן בֶּעט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ - דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, אָבֶּער אַז מֶען בְּלַייבְּט שְׁלָאפְן - דֶעמָאלְט קֶען מֶען גֶעבְּן עֶסְן אָן זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער.

אַזוֹי אוֹיךְ דִי וָואס גִיסְן אָפּ אֲפִילוּ דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער נֶעגְל וַואסֶער - אִיז דָאס בְּעִיקָר אִינְדֶערְפְרִי וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן דֶעם טָאג, אָבֶּער בַּיינַאכְט וֶוען מֶען גֶעבְּט צוּ זֵייגְן - אִיז מֶען נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**זֶע עֶס זָאל זַיין נָאר אַחְדוּת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

חַבֵר זִיךְ מִיט יֶעדְן פוּן חֵדֶר, זֶע עֶס זָאל זַיין נָאר אַחְדוּת.

...

**בִּזְכוּת דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים דַיינֶע זָאלְסְטוּ זֶען לִיכְטִיגֶע הֵיילִיגֶע דוֹרוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער לִיכְטִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ קְלֵיינֶע מַתָּנָה, אַ קְלֵיינֶע צֵייכְן פַאר דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ טוּסְט צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, פַארְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי שֵׁיינֶע בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ מוֹסְדוֹת אוּן דִי שֵׁיינֶע קְהִילָה.

וּבִפְרָט פַארְן זִיךְ אַזוֹי אֲוֶועקְגֶעבְּן צוּ הֶעלְפְן דִי ״מַעֲרֶכֶת שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ״, דִי גִּלְיוֹנוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוּטִיגְט אוּן וַוייזְט פַאר עֶלְטֶערְן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן חִינוּךְ, וְוִי אַזוֹי מְחַנֵךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

בִּזְכוּת דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים דַיינֶע זָאלְסְטוּ זֶען לִיכְטִיגֶע הֵיילִיגֶע דוֹרוֹת.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אַייעֶר מַאן אִיז מְחַזֵק אִידִישֶׁע קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, אוֹיךְ זָאלְט אִיר אַרַיינְפְלֶעכְטְן צְווִישְׁן דִי פְּסוּקֵי תְּהִלִּים אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע לוֹיב וֶוערְטֶער אוּן דִי אֵייגֶענֶע בַּקָשׁוֹת.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר הָאט אַ מַאן וָואס אִיז עוֹסֵק אִין מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זַיי מְזַכֶּה זַיין אִין חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן תּוֹרָה וּמִצְוֹת. עֶס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת אַז אִיר הֶעלְפְט אִים אוּן אַז אִיר שֶׁעצְט אִים.

בִּזְכוּת דִי גוּטֶע זַאכְן זָאלְט אִיר זֶען נָאר נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע דוֹרוֹת.

בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, וֶועט דִיר גוּט זַיין**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן, עֶס וֶועט דִיר גוּט זַיין.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**לֶערְן אוּן דַאוֶונֶען, וֶועסְטוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

לֶערְן אוּן דַאוֶונֶען, וֶועסְטוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

...

**אוֹת לְהַכָּרַת הַטּוֹב פַארְן מְתַּרְגֵּם זַיין דִי שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹת לְהַכָּרַת הַטּוֹב מִמַּעֲרֶכֶת שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ פַארְן מְתַּרְגֵּם זַיין בְּכָל שָׁבוּעַ אֶת הַגִּלְיוֹן בְּלֵב וָנֶפֶשׁ.

הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**לֶערְן מִשְׁנַיוֹת, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק אוּן הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**דִי תְּהִלִּים וֶועט אַרוֹיפְגֵיין אַזוֹי הוֹיךְ, נָאךְ הֶעכֶער פוּן דִי מַלְאָכִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים אוּן פְלֶעכְטְס אַרַיין דִי אֵייגֶענֶע גֶעבֶּעט, אוּן זִיכֶער דִי אֵייגֶענֶע לוֹיבּ וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶועט דִי תְּהִלִּים אַרוֹיפְגֵיין אַזוֹי הוֹיךְ, נָאךְ הֶעכֶער פוּן דִי מַלְאָכִים, עֶס וֶועט אָנְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין אוּן אִיר וֶועט זֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים.

דִי תְּהִלִּים אִיז אַ צֵייכְן פוּן דַאנְקְבַּארְשַׁאפְט פַארְן זִיךְ אַוֶועקְגֶעבְּן בְּלֵב וָנֶפֶשׁ פַאר דִי גִּלְיוֹנוֹת וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּפְרַט דִי גִּלְיוֹנוֹת פוּן שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ, וָואס מַאכְט אַ שְׁטַארְקֶע מַהְפֵּכָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

בִּזְכוּת דֶעם זָאלְט אִיר זֶען נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אוֹיךְ זֶען נַחַת פוּן זִיךְ אַלֵיין.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**פָּאלְג דַיין מְלַמֵּד אוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

פָּאלְג דַיין מְלַמֵּד אוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן, וֶועסְטוּ זַיין אַ צַדִּיק.

...

**לֶערְן מִשְׁנַיּוֹת וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיּוֹת וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**וָואלְסְט אַלֶעס אָפְּגֶעלָאזְט אוּן נָאר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין "שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ"**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואלְסְטוּ גֶעוואוּסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְזַכֶּה זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט דִי גִּלְיוֹנוֹת פוּן שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ - וָואלְסְטוּ אָפְּגֶעלָאזְט אַלֶעס אוּן נָאר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין מְזַכֶּה זַיין נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל מִיט דִי שֵׁיינֶע גִּלְיוֹנוֹת פוּן שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ.

בֶּעט אִיךְ דִיר טַייעֶרֶער שְׁוָואגֶער, חַזֵּק וֶאֱמָץ בַּעֲבוֹדָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה, לָאז

נִישְׁט אָפּ דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דַיין אַרְבֶּעט; זַיי מַמְשִׁיךְ בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה, דַיין שְׁוָואגֶער וָואס לִיבְּט דִיךְ.

...

**דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע "שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ" בְּרֶענְגְט חִיזוּק פַּאר טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ קְלֵיינֶע אוֹת הַכָּרַת הַטּוֹב פַּאר וָואס דוּ גֶעבְּסְט זִיךְ אַוֶועק בְּלֵב וָנֶפֶשׁ פַּאר דִי שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ, דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע גִלְיוֹנוֹת וָואס בְּרֶענְגְט חִיזוּק פַּאר טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן.

חֲזַק וֶאֱמָץ בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**ווילְסְט הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קְלוּגֶע קִינְדֶער? זָאלְסְטוּ זַיי מְחַנֵּךְ זַיין**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ב אִיָּיר, ל"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, לֶעיקְוָואד**

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, א): "בֵּן חָכָם" אַ קְלוּגֶער זוּן, "מוּסַר אָב" הָאט לִיבּ צוּ הֶערְן דִי מוּסָר פוּן טַאטְן, "וְלֵץ" אוּן אַ לֵץ, "לֹא שָׁמַע גְּעָרָה" הָאט נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט דִי גֶעשְׁרֵיי פוּן מוּסָר.

קֶען זַיין, מֶען רֶעדְט אוֹיךְ צוּם טַאטְן, מֶען זָאגְט דֶעם טַאטְן 'אוֹיבּ דוּ ווילְסְט הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קְלִיגֶע קִינְדֶער - זָאלְסְטוּ זַיי מְחַנֵּךְ זַיין, לֶערְן זֵיי וִוי צוּ הָאבְּן גוּטֶע מִידוֹת, שְׁטְרָאף זֵיי וֶוען זֵיי פִירְן זִיךְ מִיט חוּצְפָּה, אוּן פַארְלַאנְג פוּן זַיי צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען'; דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק, 'בֵּן חָכָם' אוֹיבּ דוּ ווילְסְט אַ קְלוּגֶער זוּן, דוּ ווילְסְט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, 'מוּסַר אָב' דַארְף דֶער

טַאטֶע זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין, וַוייל חַס וְשָׁלוֹם אוֹיב מֶען זָאגְט גָארְנִישְׁט, מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער הֶפְקֵר - 'וְלֵיץ' וֶועלְן דִי קִינְדֶער זַיין לֵצִים - 'לֹא שָׁמַע גְּעָרָה' וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהֶערְט קַיין אֵיין גֶעשְׁרֵיי פוּן טַאטְן, מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעלֶערְנְט ווִי זִיךְ צוּ פִירְן.

וְלָכֵן, וואוֹיל אִיז פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט פוֹיל וֶוען עֶס קוּמְט צוּ חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, זֵיי מַאכְן בְּרָכוֹת מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן מִיט דִי קִינְדֶער וָוארְט בַּיי וָוארְט, דַאוֶוענֶען מִיט דִי קִינְדֶער, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע מִיט זֵיי; וֶועלְן זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ נַחַת, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

### מִשְׁנַיוֹת וֶועט דִיר מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ד' סִיוָן, מ"ח לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**אַ מַתָּנָה פַאר דֶער חָשׁוּבְ'עֶר ... נֵרוֹ יָאִיר**

לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין. דָאס וֶועט דִיר מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

...

### אַ גְרוּס פוּן דִי חָשׁוּבְ'עֶ אֵיינִיקְלֶעךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב חַג הַשָּׁבוּעוֹת, ד' סִיוָן, מ"ח לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד יְדִיד נַפְשִׁי הרה"ח ... שְׁלִיטָ"א**

אַ גְרוּס פוּן דִי חָשׁוּבְ'עֶ אֵיינִיקְלֶעךְ, אַלֶע פִירְן זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ אַייךְ, אוּן אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס אִיז בַּיי עֶנְק גוּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן גֶעזוּנְט אוּן נַחַת אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ, אָמֵן.

...

### אַייעֶרֶע קִינְדֶער פִירְן זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, ד׳ סִיוָן, מ״ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד

**לְכָבוֹד מו״ה ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל אִיבֶּערְגֶעבְּן אַ גְרוּס פוּן אַייעֶרֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אַלֶע פִירְן זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ. סֵיי דִי זִין ר׳ ... אוּן ..., סֵיי דִי אֵיידֶעמֶער ... אוּן ...; אַלֶע לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה פוּנְדָאסְנֵיי, אוּן זוֹכֶה זַיין בְּיוֹם חֲתֻנָּתוֹ זֶה מַתָּן תּוֹרָה, וּבַיּוֹם שִׂמְחַת לִבּוֹ זֶה בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, שֶׁיִּבָּנֶה בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ (תַּעֲנִית כו:), אָמֵן.

...

### יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, אֲפִילוּ נָאר אֵיין קַאפִּיטְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ד סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳

זֶעט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, אֲפִילוּ נָאר אֵיין קַאפִּיטְל, אוּן לוֹיבְּט אוּן דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים, דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען נָאךְ אוּן נָאךְ נִיסִים.

ווִי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַלְץ מֶער הָאט מֶען אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען.

...

### וֶוען מַאן אוּן ווַייבּ שֶׁעצְן זִיךְ, הָאט מֶען קִינְדֶער צַדִּיקִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיר הָאט אַ טֵייעֶרֶע מַאן, אִיר הָאט אַ מַאן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ מִיט אַייךְ, עֶר הָאט אַייךְ אַזוֹי לִיבּ, עֶר זָאגְט מִיר עֶר דַארְף אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי עֶר קֶען אַייךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן; עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט צוּ מִיר אִין אַ גֶעוֵויין אַז עֶר ווִיל אִיר זָאלְט זַיין פְרֵיילִיךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ, אִיר זָאלְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי מַתָּנָה פוּן הָאבְּן אַ מַאן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אִים זֵייעֶר שֶׁעצְן, וֶועט פוּן עֶנְק אַרוֹיסְקוּמֶען קִינְדֶער צַדִיקִים; וַוייל וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ שֶׁעצְן זִיךְ אוּן מֶען פִירְט זִיךְ אֵיידְל - קוּמֶען קִינְדֶער צַדִיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, אַ טֵייעֶרֶע ווִינְקֶל, אַ גַן עֵדֶן בְּזֶה הָעוֹלָם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״א סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל, אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, אַ טֵייעֶרֶע ווִינְקֶל, אַ גַן עֵדֶן בְּזֶה הָעוֹלָם, אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין ווִי שֵׁיין דָא אִיז, ווִי זִיס דָא אִיז; אַלֶע לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּי׳ן, אַלֶע אָטֶעמֶען אֱמוּנָה.

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶונְט מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע מִנְיָן זִיבְּן אַזֵייגֶער, דִי שׁוּל אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעפִילְט מִיט טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט. נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דִי בְּלַאט גְמָרָא, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַסֶכֶת בָּבָא בַּתְרָא, נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית פֵּיגָא; אִיךְ בִּין פוּל מִיט דַאנְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי יָאר וֶועט אוֹיךְ זַיין דִי יֶערְלִיכֶע קָאמְפֵּיין צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן דִי יָאר, מֶער ווִי פַארְאַיָאר. אִיךְ וֵויים עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג אַרוֹיס צוּ גֵיין בֶּעטְן גֶעלְט, אָבֶּער מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן וָואס דוּ בַּאקוּמְסְט, וָואס דַיינֶע קִינְדֶער בַּאקוּמֶען, ווִיפִיל קוּמֶען מִיר פַארְן רֶבִּי׳ן? ווִיפִיל זֶענֶען מִיר שׁוּלְדִיג פַארְן רֶבִּי׳ן? וֶועלְן מִיר גֵיין נָאךְ גֶעלְט אוּן הֶעלְפְן מִיט דִי יֶערְלִיכֶע קָאמְפֵּיין.

הַיינְט וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר פַאר אִינְגֶעלַייט אִין שְׁטֶעטְל, זֶע צוּ קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר מִיט אַ נַייעֶ הַתְחָלָה; כְּאִילוּ דוּ הָאסְט יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע

מָאל גֶעהֶערְט פוּן בְּרֶסְלֶב אוּן דוּ ווִילְסְט קוּמֶען בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת הֶערְן חִיזוּק פוּן רֶבִּי׳ן, חִיזוּק אוּן עֵצוֹת ווִי צוּ קֶענֶען לֶעבְּן דָאס לֶעבְּן מִיט זִיסְקֵייט אוּן מִיט אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ דְרִימְל אִינְמִיטְן טָאג אִיז גוּט פַאר אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״א סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז גוּט צוּ כַאפְּן אַ דְרִימְל אִינְמִיטְן טָאג, עֶס קְלָארְט אוֹיס דִי מֹחַ. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קי) דוּרְךְ שְׁלָאפְן - גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע שְׁטוּתִים אוּן בִּלְבּוּלִים, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטֶערְקֶערֶע אֱמוּנָה.

אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע וָואס הָאדְעוֶועט קִינְדֶער, מֶען זֵייגְט קִינְדֶער אוּן מֶען וַוארְט קִינְדֶער וְכוּ׳ - אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ צוּ וֶוערְן מִיד אוּן צוּ וֶועלְן כַאפְּן אַ דְרִימְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי פְּרַייזְן פַאר דִי קִיאַסְק זָאלְן נִישְׁט זַיין צוּ טֵייעֶר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״א סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְן אַהֶער שְׁטֶעלְן דִי שֵׁיינֶע קִיאַסְק פַאר דִי מִשְׁפָּחוֹת אִין שְׁטֶעטְל וָואס הָאבְּן רֵיינֶע שְׁטִיבֶּער, זֵיי זָאלְן קֶענֶען עֶרְלֶעדִיגְן וָואס מֶען דַארְף.

אֵיינֶער זָאגְט מִיר אַז דִי פְּרַייזְן זֶענֶען טֵייעֶרֶער ווִי אִין שְׁטָאט, ווייל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מַאכְן דִי פְּרַייזְן זָאלְן זַיין נִישְׁט צוּ טֵייעֶר, עֶס זָאל זַיין גְרִינְג פַאר דִי אִינְגֶעלַייט צוּ קֶענֶען לֶעבְּן אַ רֵיינֶעם לֶעבְּן בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס, סַיי אוֹיף גוּט אוּן סַיי אוֹיף וָואס אִיז שְׁוֶוער. אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען פוּן הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נד:): "אַרְבָּעָה צְרִיכִין לְהוֹדוֹת, יוֹרְדֵי הַיָּם, הוֹלְכֵי מִדְבָּרוֹת, וּמִי שֶׁהָיָה חוֹלֶה וְנִתְרַפֵּא, וּמִי שֶׁהָיָה חָבוּשׁ בְּבֵית הָאֲסוּרִים וְיָצָא", זָאגְט עֶר (לִקּוּטֵי אִמְרֵי פִּנְחָס שַׁעַר הַתְּפִלָּה, אוֹת יג), דִי דַארְפְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי וֵוייטָאג וָואס זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער, וָואס מִיט דֶעם קוּמְט מֶען אָפּ אַלֶע עֲבֵירוֹת.

...

### ווי טוּן אַ צְוֵוייטְן, קֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג נִישְׁט וויי טוּן קֵיינֶעם, עֶס קֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה. אִיךְ זָאג דִיר דָאס וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ אוּן אִיךְ קֶען דַיין נַאטוּר; דוּ זָאגְסְט דֶעם אֱמֶת, דוּ הָאסְט נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם מוֹרָא, אָבֶּער צוּמָאל קֶען דָאס וויי טוּן אוּן עֶס קֶען פַארְשֶׁעמֶען, חַס וְשָׁלוֹם.

בֶּעט אִיךְ דִיר, נֶעם אַרָאפּ יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט, גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן פַארְמַאךְ זִיךְ דִי אוֹיגְן, אוּן זָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט וויי טוּן, הֶעלְף מִיר קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וֶוערְן וויי גֶעטוּן דוּרְךְ מִיר, גֶעבּ מִיר גוּטֶע אוֹיגְן, צוּ זֶען אִין יֶעדְן אֵיינֶעם נָאר זַיין גוּטְס, גֶעבּ מִיר יִשּׁוּב הַדַּעַת אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען פוּן יֶענֶע וֶועלְט, אַז נָאךְ אַבִּיסְל וֶועל אִיךְ זַיין אַ טוֹיטֶער, מֶען וֶועט מִיךְ לֵייגְן אִין גְרוּבּ, אוּן דָארְט וֶועט מֶען מִיךְ פָארְהַאלְטְן אוֹיף יֶעדֶע צַעַר וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

מִיט הִתְבּוֹדְדוּת רֵיינִיגְט מֶען זִיךְ דִי בְּלוּט, אוּן דוּרְךְ וִידּוּי דְבָרִים וֶוערְט מֶען רֵיין פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

...

### אַז דוּ הָאסְט אַזוֹיפִיל מְנִיעוֹת, וֶועסְטוּ זִיכֶער קוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״א סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס אִיז גוּט אוּן דוּ גֵייסְט אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן אַז דַיין וַוייבּ שְׁטֶעלְט זִיךְ אַזוֹי אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּמֶען אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - מוּז זַיין אַז דוּ קֶענְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן, גְרוֹיסֶע קְדֻשּׁוֹת, גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן קפה): ״כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ יְגִיעוֹת וְטִרְחוֹת יוֹתֵר בִּתְחִלַּת הַהִתְקָרְבוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, דְּהַיְנוּ שֶׁיֵּשׁ לוֹ מְנִיעוֹת רַבּוֹת וּגְדוֹלוֹת, כְּגוֹן מֵאָבִיו וְאִשְׁתּוֹ וְחוֹתְנוֹ״, וֶוער עֶס הָאט שְׁטֶערוּנְגֶען פוּן זַיין וַוייבּ אוּן שְׁוֶוער צוּצוּקוּמֶען צוּם צַדִיק - ״זוֹכֶה אַחַר כָּךְ לְקַבֵּל הַרְבֵּה קְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה״.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, לָאז נִישְׁט אָפּ; אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אַרִיבֶּער בִּיטֶערֶע שְׁוֶועריקַייטְן, אוּן נָאר דוּרְכְן צַדִיק קֶען מֶען אַלֶעס בַּייקוּמֶען.

שְׁרַייבּ מִיר כָאטְשִׁיג אַ בְּרִיוו, אִיךְ זָאל וִויסְן פוּן דִיר אוּן זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין.

...

### וִויפִיל שָׁעוֹת הָאסְטוּ פַארְבְּרֶענְט דָאס יָאר מִיטְן טֶעלֶעפָאן?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁלַח, מְבָרְכִין תַּמּוּז, כ״ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט עֶרֶב שַׁבָּת מְבָרְכִים תַּמּוּז דַארְף שׁוֹין גֶעבְן אַ שְׁטִיקֶל קִיצְל אִין דִי בֵּיינֶער; דוֹרְשֵׁי רְשׁוּמוֹת זָאגְן, תַּמּוּז אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: זְ׳מַנֵּי תְּ׳שׁוּבָה מְ׳מַשְׁמְשִׁין וּ׳בָאִין, עֶס קוּמְט שׁוֹין אֱלוּל, מֶען פָארְט שׁוֹין צוּם רֶבִּי״ן

נָאכְאַמָאל אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דַארְפְן מִיר זִיךְ פְרֶעגְן ׳ווי הַאלְט אִיךְ מִיט מַיין שְׁמִירַת עֵינַיִם? שְׁמִירַת הַמֹּחַ וְהַמַּחְשָׁבָה? ווי הַאלְט אִיךְ מִיט בִּיטוּל זְמַן, ווִיפִיל צַייט עֶסְט מִיר דִי טֶעלֶעפָאן און דִי קָאמְפְּיוּטֶער אוֹיף?׳

אֶפְשָׁר דָאךְ, אוּלַי יָחוּס? אוּלַי יְרַחֵם? נִישְׁט צוּ הָאבְן דִי טֶעלֶעפָאן - נִישְׁט אִין שְׁטוּב, נִישְׁט אִין קַאר, נָאר אִין אָפִיס בַּיי דִי אַרְבֶּעט; טַייעֶרֶער הַארְצִיגֶער בְּרוּדֶער, עֶס אִיז שׁוֹין כִּמְעַט אַרִיבֶּער דִי יָאר, ווִיפִיל שָׁעוֹת הָאסְטוּ פַארְבְּרֶענְט מִיט דִי טֶעלֶעפָאן - מִיט קוּקְן דִי נַייעֶס? מִיט קוּקְן זִינְגֶערְס אָנֶע בֶּערְד זִינְגֶען און ווַארְפְן זֵייעֶר קֶערְפֶּער? ווִיפִיל צַייט אֲוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר קוּקְן ווי מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן מֶענְטְשְׁן? לָשׁוֹן הָרָע, לֵיצָנוּת, אָפְּגֶערֶעדְט גִּלּוּי עֲרָיוֹת און שְׁפִיכוּת דָמִים?

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער נֶעם אֲוֶועק פוּן מִיר דִי כֵּלִים, דִי טֶעלֶעפָאן, אֵייפֵּאד, טֶעבְּלֶעט וְכוּ׳ וְכוּ׳, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת״.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

**פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער צוּ דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר ׳אֲשֶׁר בַּנַּחַל׳**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁלַח, מְבָרְכִין תַּמּוּז, כ״ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ שׁוֹין גוּט, און אִיךְ ווִיל דִיר דָאס לָאזְן ווִיסְן, ווַייל אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעגֶעבְּן פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער צוּ דְרוּקְן אֲשֶׁר בַּנַּחַל פַאר אַ זְכוּת רְפוּאָה פַאר מִיר; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ שׁוֹין גוּט.

יֶעצְט ווִיל אִיךְ נָאכְאַמָאל אַ זְכוּת, אִיךְ שִׁיק דִיר דָא נָאכְאַמָאל פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער צוּ דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר ׳אֲשֶׁר בַּנַּחַל׳. אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אַרַיינְלֵייגְן דִי נֶעמֶען פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה; מַיין נָאמֶען, מַיין ווַייבְּ׳ס

נָאמֶען און די נֶעמֶען פון מַיינֶע קִינְדֶער; עֶס זָאל זַיין אַ זְכוּת פַּאר מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין זוּמֶער, זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען און זַיין גֶעזוּנְט.

שְׁטַארְק זִיךְ, וֶוער נִישְׁט פַּארְלוֹירְן יֶעצְט וֶוען דִי בֵּית הַדְּפוּס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט צוּ צָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע; דוּ גֵיי וַוייטֶער צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וַוייל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען זֵייעֶר וַוארֶעם פַּאר הַדְפָּסָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי עוֹבְדִ׳יש, מֶען זוּכְט עֶפֶּעס הֶעכֶערְס**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ד סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז גֶעוֶוען הֶערְלִיךְ שֵׁיין, מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיטְן רֶבִּי׳ן. בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דִי מְרַגְּלִים, ווִי קֶען זַיין אַז דִי גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט (בַּמִּדְבָּר יג, ג): ״כֻּלָּם אֲנָשִׁים רָאשֵׁי בְנֵי יִשְׂרָאֵל הֵמָּה״ - זָאלְן אַזוֹי אַרָאפְּפַאלְן און צוּקוּמֶען צוּ וֶוערְן רְשָׁעִים, רֶעדְן קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?! נָאר מִיט דִי הַקְדָּמָה, מִיטְן רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער - קֶען מֶען דָאס פַּארְשְׁטֵיין. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן קטז), וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאבְּן אִים דִי צַדִּיקִים תַּלְמִידֵי הַמַּגִּיד מִמֶּעזְרִיטְשׁ גֶעזָאגְט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְמָאלְן אֵיידֶער זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז אַ חֵלֶק פוּן דִי וֶועלְט, זֵיי הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶפֶּעס אַ וֶועלְט אוֹיבְן אִין הִימְל, וַוייל אַלֶע סְפָרִים רֶעדְן פוּן אִיר גְרוֹיסְקֵייט, און דִי תּוֹרָה אַלֵיין פַּארְצֵיילְט גָאר פוּן אִיר הֵיילִיגְקֵייט וְכוּ׳; בִּיז וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דַאן הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז אַ פְּלַאץ דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם חִילוּק אִינֶעם

חִיצוֹנִיּוּת צְווִישְׁן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל און אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער, נָאר דֶער פְּנִימִיּוּת פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז גָאר הֵיילִיג און גָאר הוֹיךְ.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז דָאס קֶען זַיין אִיז גֶעוֶוען דִי טָעוּת פוּן דִי מְרַגְּלִים, זֵיי הָאבְּן עֶרְוַוארְטֶעט צוּ זֶען עֶפֶּעס, און וֶוען זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעזֶען פוּן דִי חִיצוֹנִיּוּת הָאבְּן זֵיי חוֹזֶק גֶעמַאכְט (בַּמִּדְבָּר ג, כז): "וְזֶה פִּרְיָהּ" דָאס זֶענֶען דִי פְּרוּכְט? אַזוֹי פָּשׁוּט? און פוּן דֶעם זֶענֶען זֵיי אַרָאפְּגֶעפַאלְן.

מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען, וֶוען מֶען וִויל זוֹכֶה זַיין אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי קְדוּשָּׁה, און דֶער רֶבִּי זָאגְט טוּ זַאכְן וָואס זֶעט אוֹיס פָּשׁוּט, גֵיי דַאוֶונֶען און לֶערְן מִשְׁנַיוֹת, זָאג גְמָרָא, גֶעבּ אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה; עַל פִּי רוֹב זֶענֶען מֶענְטְשְׁן מְזַלְזֵל אִין דֶעם וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי עוֹבְדִ׳ישׁ, עֶס פַּאסְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, מֶען זוּכְט עֶפֶּעס הֶעכֶערְס, און דָאס אִיז גוֹרֵם מֶען זָאל אַרָאפְּפַאלְן רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן וִוי שֵׁיין עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעם שַׁבָּת. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, קוּם אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, נֶעם אַ חוּמָשׁ הוֹיבּ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן הַיינְט, פוּן אָנְהוֹיבּ וָואךְ - יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, לֶערְן מִשְׁנַיוֹת אֲפִילוּ בַּאֲמִירָה בְּעָלְמָא, אַזוֹי אוֹיךְ גְמָרָא, וְעַל כּוּלָם גֵיי זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, וְהָעוֹלֶה עַל הַכֹּל דַיי פְּרֵיילִיךְ שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי לִיפְּן אִיז דִי טִיר צוּ דִי קְדוּשָּׁה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ד סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ וִויל דִיר שְׁרַייבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעשְׁפִּירְט אַ זִיסְקֵייט בַּיים לֶערְנֶען תִּיקוּנִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז אוּנְז מְגַלֶּה וואוּ דִי טִיר אַרַיין

צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז. דֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּיקּוּן יח, דַּף לג ע"ב): "זַכָּאָה אִיהוּ מָאן דְּזָכֵי לְאַעֲלָאָה לְהֵיכָלֵיהּ דְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא" ווארויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּקוּמֶען אִין פַּאלַאץ פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "לְמֶחֱזֵי לְמַלְכָּא וּמַטְרוֹנִיתָא" צוּ זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, "זַכָּאָה פּוּמָא" וואוּיל אִיז דִי מוֹיל - "דְּשַׁרְיָא בֵּיהּ צְלוֹתָא" וָואס דַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "דְּאִיהִי אדנ"י" יֶעדֶע זַאךְ בֶּעט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "דְּאָמְרִין לָהּ אדנ"י שְׂפָתַי תִּפְתָּח" עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל אִים עֶפֶענֶען דִי לִיפְּן, "וְזַכָּאִין שִׂפְוָון" וואוּיל אִיז פַאר דִי לִיפְּן וָואס דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "דְּאִינוּן תַּרְעִין דְּהֵיכָלָא" וָואס זֵיי זֶענֶען דִי טִירְן פוּן פַּאלַאץ פוּן קֶענִיג, "כְּגַוְונָא דְאִלֵּין דְּאִתְּמַר בְּהוֹן" אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קיח, יט) "פִּתְחוּ לִי שַׁעֲרֵי צֶדֶק" עֶפְן מִיר אוֹיף דִי טִירְן פוּן גֶערֶעכְטִיגְקֵייט, "דְּכַד פּוּמֵיהּ פָּתַח בִּצְלוֹתָא" וַוייל גְלַייךְ וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן דַאוֶוענֶען, מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, "בִּשְׁכִינְתָּא" צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - "וַיְיָ יַעֲנֶה מִיָּד", וֶוערְט מֶען גְלַייךְ גֶעהָאלְפְּן.

מֶענְטְשְׁן זוּכְן סְגוּלוֹת, מֶען זוּכְט וואוּ אִיז דִי פְּלַאץ וואוּ אִיז דִי אַרַיינְגַאנְג - צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק, מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער סוֹד לִיגְט בַּיים מֶענְטְשׁ אַלֵיין, דִי לִיפְּן אִיז דִי טִיר צוּ דִי קְדוּשָּׁה, אַזוֹי וִוי עֶר זָאגְט: "וְזַכָּאִין שִׂפְוָון דְּאִינוּן תַּרְעִין דְּהֵיכָלָא" דִי לִיפְּן, דִי מוֹיל - אִיז דִי טִיר; אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער עֶפְן מִיר דִי טִיר, אִיךְ וִויל אַרַיינְגֵיין צוּ דִי קְדוּשָּׁה, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"** - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָּׁה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער צַדִּיק שְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט פוּנֶעם בִּיקְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ד סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; וָואלְסְטוּ גֶעוִויסְט וִויפִיל מֶענְטְשְׁן לֶעבְן

אוֹיף דִי קוּנְטְרֵסִים – וָואלְסְטוּ גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אַז דוּ הָאסְט אַ חֵלֶק אִין מְחַיֶ' זַיין אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן מִיט דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער, וַוייל אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין קִינְדֶער אֱמוּנָה – וֶועט זֵיי דָאס בְּלַייבְּן פַאר זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

אִיךְ וִויל אוּנְזֶערֶע מְלַמְדִים, אוּנְזֶערֶע טִיטְשֶׁערְס – זָאלְן לֶערְנֶען דִי מַעֲשִׂיוֹת, דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשִׂיוֹת פַאר דִי קִינְדֶער. זֵיי זָאלְן יֶעדֶע וָואךְ נֶעמֶען אַ צְוֵוייטֶע מַעֲשֶׂה פוּן דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, דָאס קָאלֶערְן מִיט דִי קִינְדֶער אוּן דָאס זִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, דָאס אַרַיינְבְּרָאקְן אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער; וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיסְוַואקְסְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

דִי וָואךְ זָאלְסְטוּ לֵייגְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק, דֶער רַבִּי"ץ פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וִוי עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן אִין תְּפִיסָה בַּיי דִי רוּסְן וֶוען זֵיי הָאבְּן אִים גֶעסְטְרַאשֶׁעט מִיט אַ בִּיקְס. בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ בִּילְד פוּן דֶער רַבִּי"ץ, וִוי מֶען צִילְט אַ בִּיקְס אוּן עֶר וַוייזְט מִיטְן הַאנְט צוּם הִימְל.

דִי מַעֲשֶׂה:

**דִי פָּאלִיצֵיי קוּמֶען אַרַיין אוּן שְׁרֵייעֶן הוֹיךְ: "הוֹיבּ אָן רֶעדְן, אוּן אַז דוּ ווילְסְט נִישְׁט רֶעדְן – הָאבְּן מִיר אַ וֶועג דִיךְ צוּ מַאכְן רֶעדְן!" דֶער צַדִיק דֶערשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר וֵייסְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אִים אוּן עֶר הִיט אִים.**

**דִי רוּסְן יִמַּח שְׁמָם, דִי קַאמוּנִיסְטְן, הָאבְּן גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן דִי תּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן פַארְמַאכְט אַלֶע יְשִׁיבוֹת, אַלֶע חֲדָרִים אוּן זֵיי הָאבְּן אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער רַבִּי"ץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (רַבִּי"ץ אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן זַיין נָאמֶען רֶ'בִּי י'וֹסֵף יִ'צְחָק). מֶען הָאט אִים גֶעהַאלְטְן אִין תְּפִיסָה, אִים גֶעשְׁלָאגְן אוּן גֶעפַּיינִיגְט, אָבֶּער דֶער צַדִיק מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג, מֶען קֶען אִים נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, עֶר וֵייסְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים.**

עֶס קוּמֶען אַרַיין דִי פָּאלִיצֵיי אוּן זָאגְן פַארְן צַדִיק: "מִיר הָאבְּן אַ טוּי וָואס הָאט שׁוֹין גֶעמַאכְט אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן רֶעדְן"; זֵיי הֵייבְּן אָן לַאכְן, אֵיינֶער צִיט אַרוֹיס אַ רִיזִיגְן בִּיקְס אוּן לֵייגְט עֶס צוּ צוּם שְׁטֶערְן פוּן צַדִיק אוּן זָאגְט אִים: "אָדֶער גֶעבְּסְטוּ זִיךְ אוּנְטֶער, אַז נִישְׁט - שִׁיס אִיךְ דִיר צוּם טוֹיט".

דֶער צַדִיק וֶוערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, אִים קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן; עֶר לֶעבְּט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. עֶר זָאגְט פַאר דִי רוֹצְחִים: "דֶער בִּיקְס קֶען דֶערְשְׁרֶעקְן נָאר אֵיינֶעם וָואס גְלֵייבְּט אִין אֵיין וֶועלְט אוּן הָאט אַסַאךְ גָאטְן, אָבֶער דֶער אִיד וָואס גְלֵייבְט אִין צְוֵויי וֶועלְטְן, אוּן וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְט עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין גָאט - אִים קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן".

דֶער צַדִיק אִיז אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה אוּן וַוייטֶער אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט שְׁטִילֶערְהֵייט יְשִׁיבוֹת אוּן חֲדָרִים אוּנְטֶער דִי רִיקְן פוּן דִי רוּסְן, דִי קָאמוּנִיסְטִישֶׁע רוֹצְחִים, זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען מִיר זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה? דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים אוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֱמוּנָה; דֶער וָואס הָאט אֱמוּנָה קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן, עֶר לֶעבְּט אוּן וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אִים אוּן עֶר בְּלַייבְּט גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

אַלֶע וֶועלְן הֶעלְפְן, קֵיינֶער שְׁטֵייט נִישְׁט פוּן דֶער זַייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ה סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ פְּרוּבִיר נָאכְאַמָאל, אֶפְשַׁר וֶועט מִיר עֶס דָאס מָאל גֶעלוּנְגֶען, פּוֹעֵל'ן בַּיי דִיר זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין טֶעלֶעפָאן וָואס אִיז פַארְבִּינְדְן מִיט דִי וֶועלְט, אוּן אַז דוּ דַארְפְסְט עֶס הָאבְּן פַאר פַּרְנָסָה - זָאלְסְטוּ דָאס הַאלְטְן אִין גֶעשֶׁעפְט אָדֶער אִין אָפִיס, נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ.

"עֲשֵׂה לְמַעַן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא חָטְאוּ" טוּ עֶס פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת,

פַאר דַיין עָתִיד, "עֲשֵׂה לְמַעַן חָרְבַּן בֵּיתְךָ" טוּ עֶס פַאר דַיין שְׁטוּב זָאל נִישְׁט חָרוּב גֵיין, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט הָאבְּן דִי שְׁטַארְקְקֵייט נִישְׁט צוּ נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט וֶוערְן נָאךְ דִי ווִינְט וָואס בְּלָאזְט אוֹיף דִי נִישְׁט גוּטֶע זַייט.

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף גֵיי אִיךְ דֶעם זוּמֶער שַׁאפְן גֶעלְט פַאר דִיר, פַאר דַיינֶע קִינְדֶער; אִיךְ גֵיי שַׁאפְן גֶעלְט פַאר זֵייעֶר חֶדֶר אוּן סְקוּל, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אוֹיךְ צוּלֵייגְן אַ הַאנְט; סֵיי דוּ, סֵיי דַיין וַוייבּ – זָאלְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט, צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת. אִיךְ טוּ דָאס נִישְׁט פַאר מִיר, אִיךְ טוּ עֶס פַאר דִיר, פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת. שְׁטֵיי נִישְׁט פוּן דֶער זַייט בַּאקְוֶועמֶערְהֵייט וֶוען דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה מוּטְשֶׁעט זִיךְ צוּ קֶענֶען אָנְהַאלְטְן דַיין מוֹסָד, דַיין קְהִילָה. דִי יָאר וֶועט זַיין אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן, אַלֶע וֶועלְן הֶעלְפְן, קֵיינֶער שְׁטֵייט נִישְׁט פוּן דֶער זַייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַ פְרִישֶׁע הֶערְלִיכֶע זוּמֶער זְמַן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶער זוּמֶער זְמַן, אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן מִיט דִי בָּחוּרִים אִין מַחֲנֶה אִילָן הַחַיִּים אִין דִי וַואלְד צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער, גֶעלֶערְנְט מַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אַפָּאר שָׁעָה, עֶס אִיז מַמָּשׁ טַעַם גַּן עֵדֶן. אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ מִיט דִי בָּחוּרִים אַזוֹי ווִי פוּפְצְן יָאר צוּרִיק וֶוען מֶען הָאט גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה, מִיט דִי זֶעלְבֶּע הִתְחַדְּשׁוּת; אִיךְ הָאבּ הַנָאָה צוּ זַיין מִיט זֵיי, לֶערְנֶען מִיט זֵיי, שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

אוֹיךְ בִּין אִיךְ יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אִין כּוֹלֵל, אִיךְ לֶערְן מִיט דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט טוּר בֵּית יוֹסֵף. יֶעצְט לֶערְנְט דִי כּוֹלֵל הִלְכוֹת שַׁבָּת; סִימָן שא, הֲלָכוֹת פוּן הוֹצָאָה. אִיךְ הָאבּ מִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ' גֶעוֶוען, דִי אִינְגֶעלַייט לֶערְנֶען מִיט אַזַא קְלָארְקֵייט, מִיט אַזַא יִשּׁוּב הַדַּעַת. נֶעכְטְן הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דִי

הֲלָכָה פוּן טַלִּית מְקֻפֶּלֶת, זֵיי קֶענֶען גוּט דִי סוּגְיָא, זֵיי זֶענֶען גוּט אוֹיסְגֶעקָאכְט אִין דֶעם, מַמָּשׁ צוּ בַּאוואוּנְדֶערְן.

אוֹיךְ אִיז דָא דִי שִׁיעוּר יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי נָאכְן דַאוְוענֶען שַׁחֲרִית הִינְטְן אִין וַואלְד צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער, עֶס אִיז דָא אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט וָואס הַאלְטְן מִיט דִי שִׁיעוּר גְמָרָא. אִיךְ הָאבּ פוּן דֶעם נַחַת, צוּ זֶען ווִי מוֹהֲרָא״שְׁ׳ס אַרְבֶּעט גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד; מוֹהֲרָא״ש הָאט אַזוֹיפִיל גֶעאַקֶערְט אִין אוּנְז מִיר זָאלְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, דֶער גַאנְצֶער טָאג אִיז אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא.

שָׁבוּעוֹת הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ ווִיל וַוייטֶער עֶנְדִיגְן שְׁרַייבְּן דֶעם פֵּירוּשׁ ׳שְׂפָתֵי תְּפִתָּח׳ אוֹיפְן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, אַ פֵּירוּשׁ אִין אִידִישׁ; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט סִימָן ד׳. אִיךְ לֵייג אַרַיין יֶעדְן טָאג אַפָּאר שָׁעָה אִין דֶעם; דָאס לֶערְנֶען אוּן דָאס אָפְּשְׁרַייבְּן אִין אִידִישׁ אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא״ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט; נָאר מְחַדֵּשׁ זַיין חִידוּשִׁים אוֹיף לְמַעֲשֶׂה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד אוּן נִישְׁט קַיין גוֹי, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן י) אוֹיבּ מֶען הָאט אַ חַיּוּת אוּן אַ שִׂמְחָה פוּן דֶעם פְּרַט - פוּן דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט פַאלְן, ווַייל וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין, וָואס עֶס זָאל נָאר אִיבֶּערְגֵיין - בְּלַייבְּט מֶען וַוייטֶער פְרֵיילִיךְ, אַז ׳אַ אִיד בִּין אִיךְ, אוּן אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז מֶען הֶערְט בִּילְן, הָאט עֶס גֶעטְרָאפְן אִין צִיל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי קוֹל הַבָרָה אִיז שְׁטַארְק, עֶס אִיז דָא גוּטֶע הִתְנַגְּדוּת, מֶען רֶעדְט אוֹיפְן רֶבִּי׳ן בִּכְלָלִיּוּת, אוֹיף הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בִּפְרָטִיּוּת אוּן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת וְכוּ׳; אָבֶּער דָאס מַאכְט אוּנְז נִישְׁט שְׁוַואךְ, דָאס אִיז נָאר אַ גוּטֶע סִימָן, דָאס אִיז דֶער סִימָן

אַז עֶס אִיז דָא אַ קוֹל דִקְדֻשָּׁה; וַוייל אַז מֶען וַוארְפְט אַ שְׁטֵיין אִין וַואלְד אוּן מֶען הֶערְט בִּילְן - אִיז אַ סִימָן אַז עֶס הָאט גֶעטְרָאפְן אִין צִיל.

דֶער מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד - דָאס אִיז דֶער צַדִיק - שְׁרֵייט: "הֶער אוֹיף נָאכְלוֹיפְן דִי בְּהֵמוֹת, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בְּהֵמוֹת, עֶס אִיז עֲבֵירוֹת"; וִויפִיל אִיז דֶער שִׁיעוּר פוּן אַרְבֶּעטְן אוּן אַרְבֶּעטְן? וִויפִיל נָאךְ וֶועסְטוּ אַוֶועק גֶעבְן פַאר דִמְיוֹן? אַרְבֶּעט נָאר וִויפִיל עֶס פֶעלְט אוֹיס פַאר פַּרְנָסָה, דִי אִיבְּרִיגֶע צַייט נִיץ פַאר לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן פַאר חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט: "אַרְבֶּעטְן - אַרְבֶּעט מֶען פַאר דִי עֲבֵירוֹת, אוּן גֶעלְט - גֶעבְּט מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם אוּמְזִיסְט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ וֶועל שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת קֹרַח, כ"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זָאלְסְט וִויסְן אַז פוּן יֶעדֶע צָרָה קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין דוּרְךְ דִי מוֹיל; מֶען דַארְף נָאר עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן עֶר זָאל הֶעלְפְן אוּן שִׁיקְן אַ יְשׁוּעָה.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז, אַז נָאכְן זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית - וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ אַזוֹי פַארְדְרֵייט, עֶר הוֹיבְּט אָן דִמְיוֹנֶ'ען 'אִיךְ וֶועל שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן', עֶר טְרַאכְט 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס'; אָבֶּער אַז מֶען טוּט דִי עֵצָה בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת וִוי אַ קְלֵיין קִינְד, מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט אִים נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל - טְרֶעפְט מֶען דִי וֶועג אַרוֹיס.

אִיךְ בִּין אִין יְשִׁיבָה מִיט דִי בָּחוּרִים אִין מַחֲנֶה אִילָן הַחַיִּים, מֶען לֶערְנְט פְלַייסִיג סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד. אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ אַזוֹיפִיל נַחַת, דֶער זִיבְּן אַזֵייגֶער מִנְיָן אִיז אַ פוּלֶע שׁוּל, צֶענְדְלִיגֶער אִינְגֶעלַייט דַאוֶוענֶען אַזוֹי עֶרְלִיךְ,

און נָאכְן דַאוֶונֶען – לֶערְנֶען מִיר אִינְאֵיינֶעם אַ בְּלַאט גְּמָרָא, עֶס הָאט אַלֶע טַעֲמִים; אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ' צוּ זַיין צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

מָארְגְן נַאכְט לֵיל שִׁשִּׁי וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קוּמֶען זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ גוּט אַרַיינְקוּקְן נָאר אִין דִי גוּטֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

דַאנְקְט און לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי מַתָּנָה, פַאר אַייעֶר טֵייעֶרֶער מַאן; ווִי מֶער אִיר וֶועט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – אַלְץ מֶער וֶועט דִי שָׁלוֹם בַּיִת וֶוערְן בֶּעסֶער און בֶּעסֶער, עֶנְק וֶועלְן וֶוערְן נֶענְטֶער און נֶענְטֶער, בִּיז מֶען וֶוערְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט נֶערְוֶועז אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; אַייעֶר שָׁכֵנְ'טֶע וֵויינְט וַוייל בַּיי אִיר אִיז פִּינְקְט פַארְקֶערְט ווִי בַּיי אַייךְ, אִיר מַאן אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ זֶען וָואס מֶען קוֹיפְט, עֶר זָאגְט אִיר אַלְץ: "דָא הָאסְטוּ גֶעלְט און קוֹיף וָואס דוּ ווִילְסְט", און זִי שְׁפִּירְט ווִי זִי ווִיל אַז בַּיי יֶעדֶע שִׁיכֶעלֶע און יֶעדֶע קְלֵיידֶעלֶע פַאר דִי בֶּעבִּיס – זָאל עֶר זָאגְן אוֹיבּ עֶר הָאט דָאס לִיבּ אָדֶער נִישְׁט, און עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מֶען ווִיל פוּן אִים. זֶעט מֶען אַז מֶען קֶען זוּכְן פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד אוֹיף וָואס צוּ קְרֶעכְצְן; אֵיינֶער קְרֶעכְצְט אַז יֶעדֶע זַאךְ בֶּעט מַיין מַאן אַ בִּילְד, עֶר גֶעבְּט נִישְׁט קַיין גֶעלְט נָאר אוֹיבּ עֶר הָאט לִיבּ דִי שִׁיכֶעלֶע און דִי קְלֵיידֶעלֶע, אַ צְוֵוייטֶע קְרֶעכְצְט אוֹיף פַארְקֶערְט.

אַזוֹי אוֹיךְ, אַ פְרוֹי זָאגְט זִי וֶוערְט נֶערְוֶועז וֶוען אִיר מַאן לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע אוֹיפְן קוֹל, וֶוען אִיר שָׁכֵנְ'טֶע וֵויינְט שְׁטִילֶערְהֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר אַ שְׁטוּב מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם".

הַכְּלָל, אַז מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט, מֶען זוכְט גוטֶע זַאכְן און מֶען קוקְט זִיךְ גוט אַיין אִין דֶעם - וֶוערְט מֶען אַזוֹי נָאנְט בִּיז מֶען וֶוערְט גָארְנִישְׁט נֶערְוֶועז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עֵצוֹת פַאר אַ מַחֲלָה אִין דִי הוֹיט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ וֵוייטָאג פון לֵיינֶען וָואס עֶנְק גֵייעֶן אַרִיבֶּער מִיט עֶנְקֶער קְלֵיין קִינְד, וִוי זִי לַיידְט צַעַר און וֵוייטָאג פון אִיר הוֹיט; אִיךְ בִּין אַזוֹי בְּצַעַר פון דֶעם.

עֶס אִיז כְּדַאי בּוֹדֵק זַיין דִי מְזוּזוֹת, וַוייל רוֹב פְּרָאבְּלֶעמֶען און צָרוֹת הוֹיבְּן זִיךְ אָן וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין כָּשֵׁר׳עֶ מְזוּזוֹת.

עֶס אִיז דָא אַ סְגוּלָה וָואס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶּה, צוּ נֶעמֶען פון דִי שֶׁמֶן זַיִת וָואס בְּלַייבְּט אִיבֶּער פון דִי שַׁבָּת לִיכְט, (בַּיי אוּנְז אִיז דֶער מִנְהָג צוּ צִינְדְן צְוֵויי לִיכְט פון שֶׁמֶן זַיִת אַנְטְקֶעגְן זָכוֹר וְשָׁמוֹר, און נָאךְ פִיר לִיכְט פון חֵלֶב אַנְטְקֶעגְן דִי פִיר אוֹתִיּוֹת פון דִי שֵׁם הַוַיָ״ה בָּרוּךְ הוּא, און יֶעדֶע קִינְד וָואס וֶוערְט גֶעבּוֹירְן, סַיי אַ אִינְגְל, סַיי אַ מֵיידְל - לֵייגְט מֶען צוּ נָאךְ אַ לִיכְט פון חֵלֶב), מוֹצָאֵי שַׁבָּת זָאלְט אִיר נֶעמֶען פון דִי אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּענֶע אוֹיל, שֶׁמֶן זַיִת - און דָאס שְׁמִירְן אוֹיף דִי הוֹיט, דָאס וֶועט אַוֶועקְנֶעמֶען דִי מַחֲלָה פון דִי הוֹיט. דָאס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶּה, אַזוֹי זָאלְט אִיר טוּן יֶעדֶע מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

יֶעצְט וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין אַלֶעס פְּרוּבִּירְט, אַלֶע סָארְט מֶעדֶעצִין, וִויטַאמִין, וְכוּ׳ וְכוּ׳, און אַלֶע דָאקְטוֹירִים אַלֵיין זָאגְן זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס דָאס אִיז, און אַלֶע נוּטְרִישֶׁענִיסְטְס וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, אִיר שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי פַארְלוֹירְן; יֶעצְט זָאלְט אִיר זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרוֹיפְוַוארְפְן אוֹיפְן

אֵייבֶּערְשְׁטְן און פון דֶעם וֶועט קוּמֶען די יְשׁוּעָה. דָאס הֵייסְט, יֶעדְן טָאג זָאלְט איר קוֹדֶם דַאנְקֶען פַאר די חֲסָדִים אַז איר זֶענְט חַתּוּנָה גֶעהַאט און אוֹיף אַייעֶר גֶעזוּנְטֶע קִינְד, און בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אין אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ אָפָאר וֶוערְטֶער פון הַארְץ - פַאר איר, זי זָאל הָאבְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, זַיין גֶעזוּנְט מיט די הוֹיט און מִיט אַלֶעס - וֶועט זי הָאבְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, ווייל תְּפִלָּה איז לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וֶוען מֶען הָאט אִינְזִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט אַ בְּרָכָה אִין דִי צַייט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ זָאג נִישְׁט אַז אִיר דַארְפְט דָאס טוּן, אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעפְרֶעגְט; אוֹיבּ אִיר ווילְט דָאס טוּן וֶועט דָאס זַיין אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר אוּנְזֶער קְהִילָה, צוּ הָאבְן אַ פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶע כַּלָּה טִיטְשֶׁער.

אִיךְ וֶועל דֶערְצֵיילְן אַ פְּרִיוַואטֶע זַאךְ וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר. מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר אַמָאל גֶעזָאגְט: "אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן, דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען מִיט דִי חֲתָנִים און דַיין וַוייבּ זָאל לֶערְנֶען מִיט דִי כַּלּוֹת"; אִיךְ הָאבּ דָאס דֶערְצֵיילְט אִין שְׁטוּב, אָבֶּער מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' הָאט נִישְׁט גֶעהַאט חֵשֶׁק צוּ דֶעם. הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן אוּנְזֶער מְנַהֶלֶת זִי זָאל דָאס אָנְהוֹיבְּן טוּן, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ מוֹהֲרָא"ש און מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִיר גֶעגֶעבְן דִי זְכוּת דָאס צוּ טוּן.

אִיךְ שְׁרַייבּ דָאס אַייךְ, אַז אִיר זָאלְט נִישְׁט מֵיינֶען, אוֹיבּ אִיךְ פְרֶעג צִי מֶען וִויל עֶפֶּעס טוּן - אַז מֶען מוּז עֶנְטְפֶערְן יָא. אִיךְ הָאבּ כַּלּוֹת וָואס זוּכְן צוּ לֶערְנֶען לוֹיט דִי מְסוֹרָה און הַדְרָכָה וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְן, דֶערִיבֶּער פְרֶעג אִיךְ אַייךְ אוֹיבּ אִיר ווילְט הָאבְן דִי זְכוּת.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר זָאגְט אִיר הָאט מוֹרָא פוּן דִי אַחְרַיוּת וְכוּ׳; אוֹיף דֶעם הָאט שׁוֹין דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, וֶוען אַ שׁוֹחֵט אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ מוֹרָא צוּ זַיין אַ שׁוֹחֵט", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוער דֶען זָאל זַיין אַ שׁוֹחֵט, דֶער וָואס צִיטֶערְט נִישְׁט?" אוֹיךְ הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן, מֶען טְרָאגְט אִים אָן אַ רַבָּנוּת שְׁטֶעלֶע, אָבֶער עֶר הָאט מוֹרָא, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר פַּסְקְ׳עֶנֶען נִישְׁט גוּט, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוער דֶען זָאל זַיין אַ רָב, דֶער וָואס הָאט נִישְׁט מוֹרָא?"

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר זָאגְט אִיר הָאט מוֹרָא עֶס וֶועט אַייךְ אַוֶועק נֶעמֶען פוּן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט; דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, אוֹיבּ מֶען טוּט דָאס פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס וֶועגְן וֶועט דָאס גָארְנִישְׁט אַוֶועק נֶעמֶען פוּן דִי אֵייגֶענֶע שְׁטוּבּ וִוירְטְשַׁאפְט, נָאר אוֹיבּ מֶען הָאט אִינְזִין גֶעלְט, כָּבוֹד וְכַדוֹמֶה לָזֶה - דֶעמָאלְט וֶוערְט אוֹיס שְׁטוּבּ, עֶס וֶוערְט אוֹיס מַאמֶע, אוֹיס וַוייבּ וְכוּ׳ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אָבֶער אוֹיבּ דִי כַּוָונָה אִיז גְרוֹיס צוּ מַאכְן דִי נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶערְנֶען כַּלוֹת אוּן יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ ווִי אַזוֹי מֶען לֶעבְּט אַ חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט דִי תּוֹרָה, מֶען הָאט אִינְזִין צוּ הֶעלְפְן כַּלוֹת אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת - אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ; עֶס נֶעמְט גָארְנִישְׁט אַוֶועק פוּן דִי שְׁטוּבּ, אַדְרַבָּה מֶען זֶעט אַ בְּרָכָה אִין דִי צַייט.

אִיךְ זֶע מַיינֶע חֲבֵרִים טוּעֶן נִישְׁט אַ צֶענְטְל וָואס אִיךְ טוּ, אוּן קֵיינֶער פוּן זֵיי לֵייגְט נִישְׁט שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הֶעלְף אִין שְׁטוּבּ יֶעדְן טָאג, אִיךְ לֵייג שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער, אִיךְ גִיס זֵיי אָפּ אִינְדֶערְפְרִי נֶעגֶל וַואסֶער, אוֹיף דֶעם אַלֶעס וֶועט מַיין וַוייבּ מֵעִיד זַיין; אַיי וִוי אִיז מֶעגְלִיךְ - מִיטְן טוּן אַזוֹיפִיל זַאכְן, יְשִׁיבָה, מוֹסְדוֹת, שְׁרַייבְּן בְּרִיווּ, שְׁרַייבְּן סְפָרִים, אוֹיפְנֶעמֶען מֶענְטְשְׁן, גֶעבְּן שִׁיעוּרִים, וְכוּ׳ - אַז מֶען זָאל נָאךְ הָאבְּן צַייט אִין שְׁטוּבּ? דֶער עֶנְטְפֶער אִיז - וָואס שְׁטֵייט פְרִיעֶר; אוֹיבּ דִי כַּוָונָה אִיז טוּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז דָא אַ בְּרָכָה אִין דִי צַייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זִיךְ גוּט אוֹיסְלַאכְן, אוּן נִישְׁט נֶעמֶען קַיין פְרֶעמְדֶע זָארְג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָאס וֵוייסְן אַלֶע פְרוּיעֶן אַז וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן נֶעמְט דָאס אַוֶועק דִי מִילְךְ; קֶען זַיין פוּן דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה וָואס אִיז יֶעצְט אַרִיבֶּער וְכוּ׳ - זֶענְט אִיר אָנְגֶעצוֹיגְן, דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי מִילְךְ.

זָאלְט אִיר זִיךְ גוּט אוֹיסְלַאכְן אוּן נִישְׁט נֶעמֶען קַיין פְרֶעמְדֶע זָארְג; לוֹיבְּט אוּן דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זֶענְט גֶעזוּנְט אוּן אִיר הָאט אַן עֶרְלִיכֶער מַאן מִיט אַ גֶעזוּנְטֶע בֶּעבִּי, אוּן מֶער פוּן דֶעם זָאל אַייךְ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן, אוּן אַז דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה קָאכְט אַ קֶעסְל מִיט מַחֲלֹקֶת, יֶעדֶער הָאט אַ דֵעָה וֶוער עֶס אִיז גֶערֶעכְט - זָאל דָאס אַייךְ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן, אִיר דַארְפְט נִישְׁט זַיין אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, נִישְׁט זַיין אוֹיף דִי גְרוּפְּס, נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן, נִישְׁט הֶערְן - וֶועט דִי גַאנְצֶע מִילְךְ צוּרִיק קוּמֶען.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן מִילְךְ, צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סה).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עֶס אִיז נִישְׁט גוּט זִיךְ צוּצוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֵייכֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע תַּלְמִידִים, יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ וִויל עֶנְק בֶּעטְן נִישְׁט צוּ רֵייכֶערְן צִיגַארֶעטְלֶעךְ, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אִין דִי זַאךְ. דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל רֵייכֶערְן (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן רעג, תעב); זָאלְט אִיר נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן מִיט דִי זַאךְ.

עֶנְק זֶענֶען יוּנְג, עֶנְק זֶענֶען אֵיידֶל, יֶעצְט אִיז דָא אַ רֵייז דֶערְפַאר, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער - הָאט מֶען חֲרָטָה. אִיךְ זָאג עֶנְק צוּ, דִי אַלֶע וָואס וֶועלְן נִישְׁט

רֵייכֶערְן יֶעצְט - וֶועלְן אַלֶע נָאר זָאגְן שְׁכֹּחַ שְׁפֶּעטֶער אִין לֶעבְן, עֶנְק וֶועלְן זַיין בַּאפְרֵייטֶע מֶענְטְשְׁן, עֶנְק וֶועלְן נִישְׁט זַיין מְשֻׁעְבָּד צוּ דֶעם.

הֶערְט אוֹיס עֶנְקֶער מַגִּיד שִׁיעוּר אוּן פִירְט אַייךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ - וֶועט אִיר מִיר מַאכְן אַסַאךְ נַחַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַאךְ מִיר אַ חֶסֶד חִינָם, גֶעבּ מִיר אַ שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דַיין צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ; אִינְדְרוֹיסְן בִּיסְטוּ אַ פְרֵיילִיכֶער, אַ לַאכֶעדִיגֶער, אָבֶּער אִינֶעוֵוייניג וֵויינְט דַיין הַארְץ, דוּ ווִילְסְט דַיין שִׁידוּךְ, דוּ ווִילְסְט אָנְהוֹיבְּן דַיין לֶעבְּן. אִיךְ גֶעדֶענְק מוֹהֲרָא״ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים: ״קֵיינֶער אוֹיף דִי וֶועלְט פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר״.

זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג גֵיין אִין אַ ווִינְקֶל, יֶעצְט זוּמֶער וֶוען דוּ בִּיסְט אִין קֶעמְפּ הָאסְטוּ בֵּיימֶער מִיט גְרָאז, קֶענְסְטוּ גֵיין צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן דִי גְרָאז אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט ווִי צֶעבְּרָאכְן אִיךְ בִּין, נָאר דוּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט מַיין צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ, מַאךְ מִיר אַ טוֹבָה, מַאךְ מִיר אַ חֶסֶד חִינָם, גֶעבּ מִיר אַ שִׁידוּךְ, אִיךְ ווִיל שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן אַ הֵיילִיגֶע לֶעבְּן, אַ רֵיינֶע לֶעבְּן״.

נָאר דָאס אִיז דִי עֵצָה, תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַלֶע צָרוֹת אוּן יְסוּרִים קוּמְט פוּן עֲבֵירוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַלֶע צָרוֹת אוּן יְסוּרִים וָואס מֶען לַיידְט אִין לֶעבְּן - קוּמְט פוּן פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית; אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן - פַּאלְט מֶען נָאכְדֶעם אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן מֶען בַּאשַׁאפְט דוּרְכְדֶעם קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים וָואס פַּיינִיגְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת נִאוּף, סִימָן כו): "עַל יְדֵי הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה בּוֹרֵא קְלִיפּוֹת הַמִּתְלַבְּשִׁים בִּבְנֵי אָדָם מִתְנַגְּדִים וְחוֹלְקִים עָלָיו, וְעוֹשִׂין לוֹ יִסּוּרִין", דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - בַּאשַׁאפְט מֶען קְלִיפּוֹת, אוּן דִי קְלִיפּוֹת גֵייעֶן אַרַיין אִין מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיגְן זִיךְ מִיט אִים אוּן טוּעֶן אִים אָפּ שְׁרֶעקְלִיכֶע יְסוּרִים.

גֵיי אִין אַ וִוינְקְל; אִין דַיין קַאר, אִין דַיין אָפִיס - וֶוען עֶס אִיז לֵיידִיג, אָדֶער דָאס גְלַייכְן, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען זִיךְ אָפְּשָׁאקְלֶען פוּן קוּקְן שְׁלֶעכְטְס, פוּן הָאבְּן אַ קָאמְפְּיוּטֶער, טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט וְכוּ' אוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת - וֶועסְטוּ נִישְׁט דַארְפְן אַזוֹיפִיל לַיידְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ הַיינְט קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר, אִיךְ וִויל זִיךְ מִיט דִיר מְחַזֵּק זַיין אִינְאֵיינֶעם, זִיךְ אוֹיפְפְּרִישְׁן צוּ טוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בִּזְכוּת אוֹיסְהַאלְטְן לוֹמְדֵי תּוֹרָה, זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט מַמָּשׁ גֶערַאטֶעוֶועט דִי זַאךְ, שׁוֹין אַפָּאר וָואכְן וָואס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאצָאלְן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, אוּן דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען וִוי אַ

מַלְאָךְ פוּן הִימְל און גֶעגֶעבְּן צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער, און דו הָאסְט אַרָאפְּגֶענוּמֶען פון מִיר דִי גְרוֹיסֶע דְרוּק.

בִּזְכוּת וָואס דו הֶעלְפְּסְט אוֹיסְהַאלְטְן לוֹמְדֵי תּוֹרָה - זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.

...

### אוֹיפְגֶעגֶעבְּן דִי סְמַארְטְפָאוֹן בִּזְכוּת דִי פְּרוֹּיעֶן שִׁיעוּרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט טְרֶערְן אִין מַיינֶע אוֹיגְן בַּיים לֵיינֶען אַייעֶר בְּרִיוו, וִוי אִיר פַּארְצֵיילְט מִיר דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז אִיר הָאט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אַייעֶר סְמַארְטְפָאוֹן און זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ פָּשׁוּטְ׳עֶ טֶעלֶעפָאן, בִּזְכוּת דִי חִיזוּק פון דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע פְּרוֹּיעֶן שִׁיעוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, דִי שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ, און עֶס זָאל זַיין נָאר בְּרָכָה וְהַצְלָחָה.

...

### אַרָאפְּנֶעמֶען דִי עוֹל פון שַׁאפְן גֶעלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ דַאנְק דִיר בְּשֵׁם דִי גַאנְצֶע קְהִילָה, און בַּאזוּנְדֶער דַאנְק אִיךְ דִיר פון מִיר אַלֵיין פַאר מִיר גְרִינְגֶער מַאכְן מַיין אַרְבֶּעט, מִיטְן אַרָאפְּנֶעמֶען דִי עוֹל פון שַׁאפְן גֶעלְט פַאר דִי רֶענְט פון יְשִׁיבָה און פון אַלֶעס אַרוּם.

אַ בַּאזוּנְדֶערֶע יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן שַׁאפְן יֶעצְט נַדְבָנִים פַאר דִי נֵייעֶ בִּנְיָן אוֹיף לִינְקָאלְן פַאר בֵּית פֵּיגָא.

אוּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע דַאנְק פַארְן הֶעלְפְן אִין אוּמַאן מִיטְן נֵייעֶם שַׁאטֶער וָואס מֶען שְׁטֶעלְט אוֹיף דִי יָאר נֶעבְן אוּנְזֶער בִּנְיָן, צוּ קֶענֶען עֶסְן דָארְט דִי סְעוּדוֹת.

מִיטְן מִיר הֶעלְפְן אַז דִי עוֹל פוּן דִי גֶעלְט זָאל נִישְׁט לִיגְן אוֹיף מִיר - נֶעמְסְטוּ אַ חֵלֶק אִין אַלֶעס וָואס מִיר טוּעֶן; דַיין זְכוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס.

...

## קוּם אִין שׁוּל וֶועסְטוּ זֶען יְשׁוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט דִיךְ צוּ זֶען נֶעכְטְן בַּיי מְלַוֶה מַלְכָּה, אִיךְ הָאבּ פוּן דִיר גוּטֶע זִכְרוֹנוֹת פוּן יְשִׁיבָה, וִוי דוּ פְלֶעגְסְט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְן תְּהִלִּים, אִיךְ ווִיל וַוייטֶער הָאבְּן מִיט דִיר שַׁיְיכוּת אוּן אַ נָאנְטְקֵייט.

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ..., אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי אֵיין זַאךְ, מִיט קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:) וֶוער עֶס קוּמְט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן - מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אִים וָואס עֶר דַארְף, ״נוֹגַה לוֹ״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אִים לִיכְטִיג.

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, דַארְפְסְט דָאךְ יְשׁוּעוֹת, סַיי אִין פַּרְנָסָה, אוּן סַיי וְכוּ׳, קוּם אִין שׁוּל וֶועסְטוּ זֶען יְשׁוּעוֹת. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל קוּמֶען אִין שׁוּל, בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר״.

...

### בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן דַיין בָּארְד און פֵּיאוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת חֻקַּת, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁנַייד נִישְׁט דַיין הֵיילִיגֶע בָּארְד און פֵּיאוֹת. אִיךְ וֵוייס דוּ הָאסְט יֶעצְט אַ נִסָּיוֹן וְכוּ', דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר פוּן מַיין הַארְץ, רִיר נִישְׁט אָן דִי בָּארְד.

דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר רוּפְט אָן דִי בָּארְד (נָשֹׂא קל ע"ב; עַיֵּין טַעֲמֵי הַמִּצְוֹת פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים): "צִינוֹרוֹת", רֶערְן (פֵּייפְס) וָואס בְּרֶענְגְט דִי שֶׁפַע פוּן הִימְל צוּם מֶענְטְשׁ, און אַז מֶען שְׁנַיידְט עֶס - שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ דִי שֶׁפַע.

מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק מִיט דִי בָּארְד און פֵּיאוֹת, נֶעם נִישְׁט אַרָאפּ דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן דַיין בָּארְד און פֵּיאוֹת, עֶס זָאל זַיין בַּיי דִיר הֵיילִיג.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט עֶס נִישְׁט טוּן פַאר מִיר.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה, דַיין טַאטֶע, דַיין שְׁוֶוער, דַיין אַלֶעס.

...

### אַרוֹיף אַ טְרֶעפּ אִין צְנִיעוּת, שֶׁפַע מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת חֻקַּת, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ'**

בִּזְכוּת וָואס עֶנְק זֶענֶען אַרוֹיף אַ טְרֶעפּ אִין צְנִיעוּת, דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּן אַ טִיכְל - זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְק בֶּענְטְשְׁן מִיט שֶׁפַע און מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", דִי אֵיידֶעלֶע פְרוֹי אִיז זוֹכֶה צוּ גוּטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

דִיר בֶּעט אִיךְ זָאלְסְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ קְלוּגֶע אֵיידֶעלֶע וַוייבּ, זָאלְסְט אִיר כְּסֵדֶר אוֹיסְלוֹיבְּן.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַּאר קִינְדֶער

## רֶעדְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

״הַ-אַ-לְ-ט! בְּ-לַ-י-י-בְּ-ט אַ-לֶ-ע שְׁ-טֵ-י-י-ן! אוֹיבּ גֵייט אִיר וַוייטֶער וֶועל אִיךְ אַייךְ אַלֶע שִׁיסְן!״ הָאט דֶער אַרַאבֶּער גֶעשְׁרִיגְן.

דֶער אַרַאבֶּער זִיצְט אוֹיפְן קֶעמְל מִיט אַ גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערְד, עֶר זִיצְט בַּיים טוֹיעֶר פוּן אַלְט שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם, עֶר בַּאוַואכְט דִי שְׁטָאט.

דִי גֶעזֶעץ אִיז גֶעוֶוען מֶען טָאר נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין בַּיינַאכְט פוּן דִי מוֹיעֶר פוּן יְרוּשָׁלַיִם, אָבֶער דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים - זֵיי הָאבְן זֵייעֶר סֵדֶר הַיּוֹם; זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף חֲצוֹת, לוֹיפְן אִין מִקְוֶה, גֵייעֶן צוּם קֶבֶר פוּן שִׁמְעוֹן הַצַּדִּיק אוּן נָאכְדֶעם זֶענֶען זֵיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אִין דִי וֶועלְדֶער אַרוּם יְרוּשָׁלַיִם.

דֶער פָּאלִיצִיאַנְט שְׁרֵייט: ״וואוּ אִיז עֶנְקֶערֶע שְׁרִיפְטְן? עֶנְקֶערֶע פַּאסְפָּארְטְן? מֶען טָאר נִישְׁט זַיין בַּיינַאכְט אִין דְרוֹיסְן פוּן דִי מוֹיעֶר!״ דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים זָאגְן אִים: ״עֶס אִיז דָא אֵיין תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְן צוּ אִים אוּן בֶּענְקֶען צוּ אִים״, דֶער אַרַאבֶּער וֶוערְט זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן זָאגְט זֵיי: ״אוֹיבּ עֶנְק וֶועלְן מִיר נִישְׁט וַוייזְן דִי שְׁרִיפְטְן וֶועל אִיךְ עֶנְק אַלֶע נֶעמֶען אִין תְּפִיסָה״; דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים זָאגְן אִים נָאכְאַמָאל אוֹיף אַרַאבִּישׁ: ״עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין תַּכְלִית, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; טוּט אַייךְ אוֹיס דִי פָּאלִיצֵייאִישֶׁע קְלֵיידֶער אוּן גֵייט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן״.




עֶס אִיז דָא אֵיין תַּכְלִית, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דֶער פָּאלִיצִיאַנְט רֶעדְט צוּ זֵיי פוּן גֶעזֶעץ, אוּן זֵיי עֶנְטְפֶערְן אִים נָאר פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וָואס מַאכְסְטוּ זִיךְ נַארִישׁ מִיט דִי שְׂוֶוערְד, מִיט דִי פָּאלִיצֵייאִישֶׁע קְלֵיידֶער? טוּ אַלֶעס אוֹיס אוּן גֵיי אִין וַואלְד זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין", בִּיז דֶער אַרַאבֶּער זָאגְט: "עֶנְק זֶענֶען מְשׁוּגָעִים, עֶנְק קֶענֶען גֵיין"; אַזוֹי זֶענֶען זֵיי בַּאפְרֵייט גֶעוָוארְן.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אוּן אוֹיסְגֶעפִירְט: "יֶעדֶע מָאל מֶען הָאט צוּטוּן מִיט אֵיינֶעם - זָאל מֶען נָאר רֶעדְן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תַּכְלִית, אַז עֶס נָאר דָא אֵיין תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; דָאס אִיז אַן עֵצָה צוּ וֶוערְן בַּאפְרֵייט פוּן אַלֶע צָרוֹת, וַוייל וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה - וֶוערְט לִיכְטִיג, אוּן אַלֶעס וֶוערְט גוּט.